# פרשת שמות י"ג– י"ט טבת תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"צ רבי **שמואל חיים ראובן וואגשאל** זצ"ל (מלאנצוט).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנב). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז יעצט די ימי השובבי"ם, וואס מען איז מער מרבה אין תפלות און בקשות. די גמרא (ברכות כח:) זאגט, ווען רבי יוחנן בן זכאי איז קראנק געווארן, און די תלמידים זענען אים געקומען באזוכען, האט ער אנגעהויבן צו וויינען. האבען אים די תלמידים געפרעגט, רבי, נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק, פארוואס וויינסטו. האט ער געזאגט, פארוואס זאל איך נישט וויינען, ווען איך וואלט זיך געדארפט שטעלן פאר א חשבון פאר א מלך בשר ודם, וואס היום כאן ולמחר בקבר, און זיין גזירה איז נישט קיים, וואלט איך געוויינט. כל שכן ווען מען דארף זיך שטעלן פארן מלך מלכי המלכים, שהוא חי וקיים, אוודאי וויין איך. ולא עוד, נאר עס איז דא צוויי וועגן ווי מען קען מיך פירן, א גיהנם און א גן עדן, און איך ווייס נישט באיזה דרך מוליכין אותי, ולא אבכה, זאל איך נישט וויינען.

**נאכדעם** האט ער געזאגט, אז מען זאל ארויסנעמען די כלים פון שטוב, כדי די כלים זאלן נישט טמא ווערן ווען ער וועט שטארבען, און מען וועט עס דארפן נאכדעם טובל'ן. און מען זאל צוגרייטן א שטול פאר חזקיהו מלך יהודא, וואס איז אים געקומען באגלייטן. די מקובלים ברענגען צו, אז די נשמה פון רבי יוחנן בן זכאי איז געווען א חלק פון די נשמה פון חזקיהו המלך, און וועגן דעם איז חזקיהו מלך יהודא אים געקומען באגלייטן.

**עס** קען זיין אז עס ליגט א רמז מוסר, אין דעם וואס חזקיהו המלך איז אים געקומען באזוכען. ווייל די גמרא פארציילט (שם י.) אז חזקיהו מלך יהודא איז קראנק געווען, און דער אייבערשטער האט געשיקט ישעיה הנביא זאל אים זאגען א נביאות, כי מת אתה ולא תחיה (מלכים ב כ-א, ישעיה לח-א), דו גייסט שטארבן, און דו וועסט נישט לעבן. מת אתה בעולם הזה, דו וועסט שטארבען אויף די וועלט, ולא תחיה לעולם הבא, און דו וועסט נישט לעבן אויף יענע וועלט. פארוואס, ווייל דו האסט נישט עוסק געווען בפריה ורביה. האט חזקיהו המלך געזאגט, אז ער האט געזען אז ער וועט האבען קינדער דלא מעלו, נישט קיין ערליכע קינדער, און וועגן דעם האט ער נישט געוואלט עוסק זיין אין פריה ורביה. און ישעיה הנביא האט אים מוסר געזאגט, אז א מענטש דארף טון וואס ער דארף צו טון, און מיש זיך נישט אריין בהדי כבשי דרחמנא, דאס איז דעם אייבערשטען'ס חשבון. דו דארפסט טון וואס דו דארפסט טון, און דו וואלסט יא געדארפט חתונה האבען.

**האט** חזקיהו המלך געזאגט, אז ער איז מסכים חתונה צו האבען, און ער האט געזאגט פאר ישעיה, דו האסט א טאכטער, איך וויל חתונה האבען מיט דיין טאכטער, אפשר וועט העלפען מיין זכות מיט דיין זכות. האט ישעיה געזאגט, כבר נגזרה גזירה, מען האט שוין גוזר געווען אז דו גייסט שטארבען, און איך גיי נישט יעצט געבען מיין טאכטער פאר דיר. האט אים חזקיהו המלך געזאגט, בן אמוץ כלה נבואתך, איך וויל נישט הערן די נביאות וואס דו זאגסט אז איך גיי שטארבען, ווייל כך מקובלני מבית אבי אבא, איך האב מקובל, אז אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם, אל ימנע עצמו מן הרחמים. אפילו די חרב איז שוין אויפן האלדז פון א מענטש, און מען דארף עס נאר געבען איין ריר, און מען נעמט אים אוועק דאס לעבן, דארף מען זיך נישט מונע זיין פון רחמים. אפילו אין אזא מינוט קען מען אויסבעטן ביים אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל צונעמען די חרב חדה וואס איז על צווארו.

**מיד** ויסב חזקיהו פניו אל הקיר, האט זיך חזקיהו אויסגעדרייט צו די וואנט, און די גמרא זאגט, מאי קיר, מקירות לבו. פון די טיפעניש פון זיין הארץ

האט ער אנגעהויבן מתפלל צו זיין, אז דער אייבערשטער זאל אים שענקען דאס לעבן. און ער איז געזונט געווארן, און ער האט געלעבט נאך די מעשה נאך פופצן יאר. עס איז שוין געווען א גזירה, און עס איז שוין געווען א נביאות, וואס איז געקומען פון א נביא ה', און חזקיהו המלך האט זיך גארנישט דערשראקן, און ער האט געזאגט, איך גיי נישט שטארבן. איך וועל דאווענען, און איך וועל מיך אויסבעטן ביים אייבערשטען, און איך וועל נישט אוועק גיין פון דער וועלט. חזקיהו מלך יהודא איז א סימבאל, וואס מען קען אויפטון מיט תפלה. אפילו ווען עס איז חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, פון דעסטוועגן דאך, אז א יוד בעהט, און ער איז מתפלל צום אייבערשטען, קען מען ניצול ווערן אפילו פון א חרב חדה.

**רבי** יוחנן בן זכאי איז קראנק געווארן, און ער רישט זיך אז ער גייט שטארבען. ער הייבט אן צו וויינען, אז ער דארף גיין פארן מלך מלכי המלכים, און מען זאל ארויסטראגען די כלים מפני הטומאה. קומט אים חזקיהו המלך אנטקעגן, און חזקיהו זאגט אים, זארג דיך נישט, מען שטארבט נישט אזוי שנעל. **אפילו דו ביסט קראנק, עס מוז נישט זיין אז דו גייסט שטארבן. קוק מיך אן, איך האב אויך געהאלטן אין אזא מצב, עס איז געווען א נבואה פונעם אייבערשטען אז איך גיי שטארבען, און איך האב מיך געשטעלט דאווענען, און דער אייבערשטער האט מיך מציל געווען.** ער האט געוואלט געבן חיזוק פאר רבי יוחנן בן זכאי, אז אפילו ער איז אין אזא מצב, און ער קוקט עס אן, ווי עס איז כלו כל הקיצין, קומט אים חזקיהו המלך זאגען, אז ער דארף זיך נישט מייאש זיין מן הרחמים, ווייל א מענטש קען שטענדיג דאווענען, און מתפלל זיין. - **עס איז א געוואלדיגע מוסר השכל, וואס תפלה קען אלץ אויפטון. אפילו ווען עס איז שוין נגזר געווארן א גזירה, און עס איז געווען א נביאות פונעם אייבערשטען, פון דעסטוועגן דאך, קען א יוד מיטן כח התפלה אלעס פועל'ן ביים אייבערשטען.**

*

***יום שני פרשת שמות***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **הערשל פאלל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**ואלה** שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו (שמות א-א), דאס זענען די נעמען פון די בני ישראל וואס זענען געקומען קיין מצרים, און יעדער איז געקומען איש וביתו, ער צוזאמען מיט זיין שטוב. דער **בעל הטורים** ברענגט צו א רמז אויף די מצוה פון מילה, אז די פיר ווערטער בנ'י ישרא'ל הבא'ים מצרימ'ה, איז די סופי תיבות מיל"ה. אז כאטש זיי זענען געקומען קיין מצרים, האבען זיי מקיים געווען מצות מילה אין די צייטן וואס זיי זענען דארט געווען.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א רמז. דער **פנים יפות** (בפרשתנו) פרעגט, פארוואס דערציילט דא די תורה אז די בני ישראל זענען געקומען קיין מצרים, זיי זענען דאך שוין פריער אויך געקומען. אין פרשת מקץ איז אויסגערעכנט ווי אזוי די ברודערס פון יוסף זענען געקומען קיין מצרים, און זיי זענען אהיימגעפארן, איז דאך עס נישט געווען די ערשטע מאל וואס זיי קומען קיין מצרים. וואס זאגט דא די תורה, ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה. ווערסטו וועלן זאגען, אז דעמאלטס זענען זיי נאר געקומען פראוויזאריש, און נישט אויף א לענגערע צייט. זיי זענען נאר געקומען איינקויפן, און נאכדעם זענען זיי צוריק אהיימגעגאנגען. און יעצט זענען זיי געקומען להשתקע אין מצרים, און וועגן דעם זאגט די תורה ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה. יעצט זענען זיי אויך נאר אהער געקומען אויף א קורצע צייט, און נישט אויף להשתקע. לגור בארץ באנו (בראשית מז-ד), מיר האבען יעצט נישט קיין ברירה, זענען מיר דא, אבער מיר ווילן נאכדעם צוריק גיין. וואס איז יעצט די חידוש, פון ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה.

**זאגט** דער **פנים יפות**, אז ער מיינט אז דא איז דא א מקור צו די הלכה וואס שטייט אין שולחן ערוך (או"ח תצו-ג), אז אויב א בן חוץ לארץ גייט קיין ארץ ישראל, צו ער דארף האלטן יום טוב שני צו נישט. און דער **מגן אברהם** (סק"ז) ברענגט צו א **רדב"ז** (ח"ד

סימן ע"ג) אז אויב מען קומט צוזאמען מיט די גאנצע משפחה, דער מאן מיט די ווייב און די קינדער, איז אפילו אויב עס איז דעתו לחזור, מען וויל צוריקגיין, אבער וויבאלד די גאנצע משפחה איז דא, האט עס די הלכה ווי א קביעות.

**זאגט** דער **פנים יפות**, ווען זיי זענען געקומען דאס ערשטע מאל, איז עס געווען דעתו לחזור, און זיי זענען געקומען אן די משפחה, אבער יעצט ווען זיי זענען געקומען, און זיי האבען אלעס מיט געברענגט, איז אפילו עס איז דעתו לחזור, האט עס די הלכה אזוי ווי מען איז אהין געקומען להשתקע. 'ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה', זיי זענען דאך נישט געקומען להשתקע, עס איז דאך נאר לגור בארץ באנו. אבער אזוי ווי עס איז 'איש וביתו באו', זיי האבען מיטגעברענגט די גאנצע שטוב, איז אפילו עס איז דעתו לחזור, האט עס די הלכה אזוי ווי הבאים מצרימה, ווי זענען געקומען אויף א קביעות.

**עס** קען אפשר זיין נאך א כוונה, אינעם פסוק ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה. איך האב געזען שטיין, אז איינער האט געפרעגט פון **רבי משה אסטרהיר זצ"ל** (מחותנו של **הרה"ק מזידיטשוב זי"ע**), אז עס שטייט פון **רבי חיים וויטאל** (בשער היחודים), אז אויף די פנים פון א יוד איז דא די צורה פון די אותיות פונעם שם הוי"ה. די צוויי אויגן זענען אזוי ווי א יו"ד, די נאז איז אזוי ווי א וא"ו. האט ער געפרעגט, א גוי האט דאך אויך די זעלבע צורה ווי א יוד, ער האט די זעלבע אויגן, און די זעלבע נאז, וואס איז דער טייטש אז אויף די צורה פון א יוד איז אויפגעשריבן דער שם, און אויף א גוי נישט.

**האט** ער געזאגט זייער שיין. אז ביי די אותיות פון די תורה הק' איז די הלכה (שו"ע או"ח סימן ל"ב), אז א יעדער אות מוז זיין מוקף גויל. יעדער אות מוז זיין ארומגענומען מיט א היקף פון פארמעט, איין אות טאר נישט צורירן צום צווייטען, דעמאלטס ווערט עס גערעכנט פאר אן אות. אבער ווען דער אות איז צוזאמעגעקלעפט, עס איז נישט דא א מחיצה דערויף, האט עס נישט א דין פון א אות. א יוד זענען זיינע אברים מוקף גויל, זיינע אויגן טארן נישט אלעס זעהן, און די מויל קען נישט אלעס רעדן, און די אויערן טארן נישט אלעס הערן. די אותיות וואס איז חקוק אויף א יוד, איז א שם, ווייל יעדע אות איז מוקף גויל, יעדע אות איז ארומגענומען מיט א מחיצה ארום זיך. אבער א גוי האט דאך נישט מחיצות, זענען אלע אותיות ביי אים צוזאמגעמישט מיט די אנדערע, איז עס נישט א שם.

**זאגט** די תורה הק', ואלה 'שמות' בני ישראל, די יודען וואס זענען געקומען קיין מצרים, זענען נישט נאר זיי אליין געקומען, נאר זיי זענען געקומען מיט די שמות. עס איז געווען חקוק אויף זייער צורה דער שם הוי"ה. פארוואס, ווייל 'הבאים מצרימה', זיי זענען געווען ארומגענומען מיט גרעניצן, זיי זענען געווען מוקף גויל, יעדער אבר האט נאר געטון דעם רצון פונעם אייבערשטען. (עיין בספר **אור מלא** פ' שמות, הובא **בשמן ראש** סוכות דף קצ).

**ווי** אזוי האט געקענט זיין אז מען זאל זיין מוקף גויל, אז מען זאל קענען זיין ארומגענומען מיט שמות, אין אזא טמא'נעם מקום ווי מצרים איז געווען. נאר מען ווייסט דאך, אז ווען מען איז מקיים מצות מילה, גיט דאס א כח פון קדושה פאר א יוד, אז ער זאל קענען ווייטער אויך אנהאלטן זיין עבודת ה'. די מצוה פון מילה איז נישט נאר א ברית וואס מען איז חוקק אין א מענטש לפי שעה, נאר עס בלייבט חקוק אינעם מענטש, אז ווי מען שטייט, און ווי מען גייט, גייט מען מיט די חותם ברית קודש. דורך מצות מילה, באקומט א יוד א כח, אז ער זאל קענעןביישטיין אלע נסיונות וואס ער דארף אדורכגיין אין זיין לעבן.

**עס** שטייט אין די גמרא (גיטין נז:), אז דער פסוק (תהלים מד-כד) כי עליך הרגנו כל היום, אויף דיר הרג'ט מען זיך א גאנצע טאג, גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. אויף מילה הרג'עט מען זיך דאך נאר איין מאל, אין דעם טאג וואס מען מל'ט א קינד, פארוואס זאגט מען כי עליך הרגנו כל היום. שטייט אין הייליגע ספרים, אז א יוד דארף האבען מסירת נפש יעדן טאג אין זיין לעבן. וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, האט ער אלץ נסיונות. פון וואו האט א מענטש א כח, אז ער זאל זיך קענען יעדן טאג לאזן הרג'ענען פארן אייבערשטען, אז ער זאל יעדן טאג קענען מוותר זיין אויף וואס ער וויל,

וועגן רצון ה'. די מצוה פון מילה דאס גיט אים די כח, אז ער זאל קענען איבערגאל אנגיין מיט זיין מסירת נפש. כי עליך הרגנו כל היום, וואס א יוד קען זיך לאזן הרג'ענען פארן אייבערשטען דעם גאנצן טאג, ווי ער גייט און ווי ער שטייט דארף ער האבען מסירת נפש. זו מילה, דאס איז די מצוה פון מילה, וואס גיט אים די כח, אז ער זאל זיך קענען מוסר נפש זיין יעדן טאג.

**ווי** אזוי האט געקענט זיין, אז מען איז געקומען קיין מצרים, און עס זאל זיין 'שמות' בני ישראל, אז די שמות זאלן מיטקומען מיט זיי, אז די אברים פונעם מענטש זאל זיין מוקף גויל. איז די פסוק מרמז, 'בני ישראל הבאים מצרימה' איז די סופי תיבות מיל"ה, דורך דעם וואס מען איז מקיים די מצוה פון מילה, האט מען די כוחות פון קדושה, אז מען זאל קענען גיין על דרך התורה.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית **מיאקע** ע"ה (ב"פ).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

*

***יום שלישי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בניו התאומים של הר"ר **שלמה הלוי האפפמאנן** הי"ו (בן הר"ר **דוד אלחנן האפפמאנן** הי"ו, וומסב"ג).

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בעיר ניו דזשערזי, והדליק נר על ציון של אביו זצ"ל, ואחר כך על ציון חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה. (בהיות **שרבינו שליט"א** ישהה בפאלם ספרינגס ביום היארצייט של חמותו, כ"ט טבת, על כן נסע ביום 'ט"ו לחודש', שהוא זמן טוב ומועיל להתפלל על הקברים כדאיתא בכתבי האריז"ל).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה עברו בחורי הישיבה לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א** על השמחה הגדולה בהולדת הנין – דור רביעי – למזל טוב, בן לנכדו **הרב רבי אברהם ברוך באב"ד שליט"א**, חתן הרה"ג **רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי וראה"כ דקהלתנו בוויליאמסבורג.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **פנחס רובין** הי"ו (בן הר"ר **יעקב משה רובין** הי"ו).

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו ברכת אברהם, עב"ג בן הרה"ג רבי **משולם האלברשטאם** שליט"א (פלעטבוש), **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הפדיון הבן של נכד הר"ר **יששכר ווייס** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **יצחק אייזיק מעזעי** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **מאיר שלום גאנז** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת טשארנא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שמעלקא מעטה** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא וויסבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים מאנסי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הסעודת שלשים של האשה הח' אשת הר"ר **מרדכי אהרן אבערלענדער** הי"ו (בת הר"ר **מנחם מאיר בערקאוויטש** הי"ו), שהתקיים באולם רויאל מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה הק' זאגט די וואך, ווי אזוי יודען זענען געקומען קיין מצרים, ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה, און ער רעכנט אויס אלע שבטי

י-ה, ויוסף היה במצרים, און יוסף איז געווען אין מצרים. וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא, און יוסף און זיינע ברודערס זענען נסתלק געווארן, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד (שמות א-א). וואס איז דער פשט אין די ווערטער ויוסף היה במצרים, מען ווייסט דאך אז יוסף איז געווען אין מצרים. אין אלע פרשיות פריער האט מען גערעדט, אז יוסף איז געווען אין מצרים, וואס האט ער דא צוגעגעבן, אז יוסף איז געווען אין מצרים. בפשטות איז די כוונה, ווייל ער וויל ארויסברענגען אז יוסף איז געווען אין די חשבון פון די שבעים נפש וואס זענען געקומען אין מצרים.

**עס** שטייט אין מדרש (שמו"ר א-ח), וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא, אף על פי שאלו מתו, כאטש זיי זענען געשטארבען, אלקיהם של אלו לא מתו, אבער זייער גאט איז נישט געשטארבען. אפילו יעקב מיט אלע קינדער און די גאנצע דור זענען געשטארבען, אבער דער באשעפער איז געבליבן. און דער באשעפער האט באגלייט יודען, די אלע יארן וואס מען איז געווען אין מצרים, ביז יודען זענען פון דארט ארויסגעגאנגען.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה, מען איז זיך דא צוזאמגעקומען צו א סעודת שלשים פון א אשה חשובה ע"ה, וואס יעדער ווייסט וואס פאר א בעלת חסד זי איז געווען, איר ערליכקייט, די כיבוד אב ואם וואס איז געווען להפליא. מען געפינט ווען משה רבינו איז נסתלק געווארן, זאגט דער פסוק (דברים לד-ח), ויבכו בני ישראל את משה בערבות מואב שלשים יום, מען האט באוויינט משה רבינו דרייסיג טעג, ויתמו ימי בכי אבל משה, און עס האט זיך געענדיגט די טעג וואס מען האט געוויינט און מתאבל געווען אויף משה רבינו. איך האב אמאל געזען שטיין א דיוק אינעם פסוק. אז די פסוק הייבט אן מיט איין זאך, און ענדיגט מיט צוויי זאכן. די פסוק הייבט אן, 'ויבכו' בני ישראל את משה, מען האט באוויינט משה רבינו. מען רעדט נישט פון אן אבל, נאר מען האט געוויינט. און די פסוק ענדיגט, ויתמו ימי 'בכי אבל' משה, און עס האט זיך געענדיגט די טעג פון וויינען, און פונעם אבל פון משה. אין אנהייב פונעם פסוק וואלט אויך געדארפט שטיין, ויבכו ויתאבלו בני ישראל, און נאכדעם פאסט זיך צו זאגען, אז עס האט זיך געענדיגט די בכי מיט די אבל. פארוואס הייבט דער פסוק אן נאר מיט 'בכי', און ער ענדיגט מיט 'בכי' און 'אבל'.

**אמאל** איז דא א מענטש וואס לעבט פאר זיך אליין, ער האט נישט קיין שייכות מיט קיינעם, ער וואוינט פאר זיך, און ער טוט פאר זיך, און ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט, און מען הערט אז דער מענטש איז נסתלק געווארן, איז עס א ווייטאג, און מען באוויינט אים, סוף כל סוף איז אוועק א נפש מישראל, אבער מיט די צייט ווערט ער פארגעסן, און מען געדענקט אים מער נישט, ווייל ער האט ביים לעבן אויך נישט געהאט צו טון מיט קיינעם. ווען מען הערט אז ער איז נסתלק געווארן, איז דא א 'בכי', אבער עס האלט נישט אן 'אבל' שפעטער.

**אבער** ווען עס גייט אוועק פון די וועלט איינער וואס האט אויפגעשטעלט א שטוב, און ער האט קינדער, און א משפחה, און ער איז געווען א בעל חסד, און געטון גוטס מיט אנדערע, איז אפילו נאכדעם וואס עס ענדיגט זיך די בכי פון די שלשים, בלייבט אייביג איבער אן אבל. עס בלייבט אייביג איבער אין הארץ א טרויער, עס פעלט דער גוטער פריינד, וואס איז געווען נאנט די אלע יארן.

**דאס** איז אפילו ביי א פשוט'ען מענטש. און כל שכן ווען מען רעדט פון משה רבינו, וואס משה רבינו איז דאך געווען דער משפיע פאר יודען סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. משה רבינו איז געווען דער גרויסער רבי פון כלל ישראל, און אין זכות פון משה רבינו האט מען געהאט דעם באר, און די ענן, און די מן, און ווען משה רבינו איז נסתלק געווארן האט זיך אלעס אויפגעהערט. האט זיך קיינמאל נישט אויפגעהערט די געוויין אויף משה רבינו. אפילו עס איז אדורך די שלשים, איז נאך אלץ געבליבען אן אבל. משה רבינו פעלט.

**זאגט** די תורה הק', 'ויבכו בני ישראל את משה', יודען האבען באוויינט משה רבינו, 'שלשים יום' דרייסיג טעג. אבער 'ויתמו ימי בכי', אפילו ווען עס האט זיך גע'ענדיגט די טעג פונעם געוויין, 'אבל משה', איז נאך אלץ געבליבען אן אבל אויף משה

רבינו. עס קען זיך ענדיגען די טעג פון בכי, אבער די אבל, אז משה רבינו פעלט, דאס איז געבליבען. - און דאס זעלבע איז ביי א יעדע יודישע מאמע וואס גייט אוועק, און לאזט איבער א מאן און קינדער, מען לאזט איבער עלטערן און געשוויסטער, און נאך דערצו אזוי יונגערהייט, איז אפילו ווען עס איז ויתמו ימי בכי, עס ענדיגט זיך די בכי פון די שלשים, אבער אבל משה, עס בלייבט אייביג איבער א געוויסע אבל.

**יודען** זענען געווען אין מצרים, און אין די יארן וואס זיי זענען דארט געווען, האבען זיי געדארפט אדורכגיין גרויסע נסיונות, זיצען אין אזא נידריגע מקום ווי מצרים איז געווען, אויף א פלאץ וואס איז געווען ערות הארץ, און מען זעהט אז יודען האבען זיך געהאלטען מיט א געוואלדיגע קדושה אין מצרים. אין מדרש (ויק"ר לב-ה) שטייט, אז עס איז נישט געווען איינער וואס זאל זיין פרוץ בערוה. פון אזויפיל טויזענטער יודען וואס זענען געווען אין מצרים, איז נישט געווען אפילו איינער וואס איז געווען פרוץ בערוה.

**פון וואו האבען זיי געהאט די כוחות, אז מען זאל זיך קענען האלטען אזוי שטארק בקדושה. דאס איז געקומען ווייל מען האט געהאט שטענדיג פאר זיך די בילד פון יוסף הצדיק. יוסף איז געווען דער מלך, און מען האט געוויסט די נסיונות וואס יוסף איז אדורך אין מצרים, און יוסף האט זיך געהאלטען הייליג און ערליך אין מצרים. אז מען האט שטענדיג פאר די אויגן, א בילד פון אן ערליכען יוד, האט מען זיך מחזק געווען ביי יעדע נסיון וואס מען האט געהאט, אז יוסף וואס האט געהאט א שווערערע נסיון פון מיר, האט געקענט עומד זיין בצדקו, קענען מיר אויך עומד זיין בנסיון, און זיין ערליך.**

**די** גמרא (יומא לה:) זאגט, אז ווען מען וועט ארויפקומען לעתיד לדין, וועט יוסף מחייב זיין את הרשעים. אז מען וועט פרעגן, פארוואס האסטו געזינדיגט, און ער וועט זאגען, איך האב געהאט נסיונות, און וועגן דעם האב איך געזינדיגט. וועט מען אים פרעגן, האסטו געהאט מער נסיונות פון וואס יוסף האט געהאט. יוסף איז געווען א עבד ביי יענעם אין שטוב, ער האט געוואוינט דארט טאג און נאכט, און זי האט אים געמוטשעט צופרי און ביינאכט, טאג נאך טאג האט זי אים געמוטשעט, און ער איז קיינמאל נישט נכשל געווארן. דו האסט געהאט א גרעסערע נסיון פון יוסף? זאגט די גמרא, אז יוסף וועט מחייב זיין די רשעים. מען קען זיין ערליך, אז מען וויל. און אז מען איז נישט געווען ערליך, איז א סימן אז מען האט נישט געוואלט. מען האט זיך נישט גענוג מתגבר געווען. אבער מען קען נישט זאגען, אז מען האט נישט געקענט, ווייל יוסף האט יא געקענט.

**יודען** זענען געווען אין מצרים, און זיי האבען זיך געהאלטען ערליך, ווייל 'ויוסף היה במצרים', די צורה פון יוסף, די מצב פון יוסף, איז געווען ביי יודען אין מצרים די גאנצע צייט. זיי האבען זיך אראפגעלערנט פון יוסף, אז מען קען זיין ערליך אפילו אין מצרים, און זיי האבען דאס אנגעהאלטען, און וועגן דעם איז נישט געווען אפילו איינער וואס איז געווען פרוץ אין מצרים.

**ווילאנג** יוסף איז נאך געווען א לעבעדיגער יוסף, האט מען זיך אוודאי געקענט אפלערנען פון אזא צדיק וואס פירט זיך אויף ערליך, אבער וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא, ווען יוסף מיט זיין גאנצע דור זענען נסתלק געווארן, מיט וואס האט מען זיך שפעטער מחזק געווען? זאגט די מדרש, 'אף על פי שאלו מתו', כאטש עס איז געווען וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור הוא, אבער 'אלקיהם של אלו' די געטליכקייט וואס איז געווען ביי זיי, 'לא מתו', דאס איז נישט געשטארבען. דער גוף גייט אוועק פון די וועלט, אבער די נשמה, די ערליכקייט, די מדות טובות, פון א נפטר, דאס בלייבט שטענדיג איבער אין שטוב, און דאס בלייבט איבער שטענדיג ביי די דורות, וואס לערנען זיך אראפ פון דעם וועג.

**ווען** מען קומט זיך צוזאם צו א סעודת שלשים, ווי מען האט פריער גערעדט, ויתמו ימי בכי, אבל משה, עס בלייבט שטענדיג אן אבל. עס בלייבט שטענדיג איבער א פארלוסט פאר די משפחה און גוטע פריינט. אבער אף על פי שאלו מתו, אפילו זי איז נישט דא, אבער אלקיהם של אלו, דאס געטליכקייט, דאס ערליכקייט וואס זי האט געהאט, דאס ווערט נישט אוועקגענומען, און דאס

דארף שטענדיג זיין פאר די צורה פון די משפחה און די קינדער.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי אהרן גד כ"ץ שליט"א** אב"ד קאפיש, עב"ג בן **הרה"ג יקותיאל זלמן שלמה שווארץ שליט"א** (ראה"כ ומו"ץ דקהל תורת חיים וויזניץ ב"פ) שהתקיים באולם ספינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת שמות***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה לתפלת מנחה. אחר מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יעקב צבי האפמאן** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי אברהם חיים האלברשטאם שליט"א** אב"ד רודניק (לאס אנדזשעלעס) שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודה.

*

***שבת קודש פרשת שמות***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית המדרש סאמבאטהעלי, שהתקיימה ביחד עם שמחת השלום זכר לנינו, בן לנכדו **הרב רבי אברהם ברוך באב"ד שליט"א**, חתן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, וראה"כ דקהלתנו בוויליאמסבורג.

לרגל השמחה הגיעו ציבור אנשי שלומינו וביניהם רבנים ודיינים קרובי המשפחה שליט"א להשתתף בשמחתו הגדולה של **רבינו שליט"א**. - בנוסף לניגוני ליל שבת קודש המשיכו בקול שירה וזמרה בניגוני חדוה לרגל השמחה הרוממה בבית **רבינו שליט"א**. אחר שהשמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה, כיבד את המחותן **הרה"ג רבי חנוך העניך באב"ד שליט"א** בברכת המזון.

ביום השבת אחר תפלת מוסף השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבה לבת הנולד אצל ש"ב **הרב הערש לייב פאללאק שליט"א** (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

בסעודה שלישית נתכבד הרב רבי **שמואל בנימין בויס** שליט"א בברכת המזון.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער השנתי לטובת מוסדותינו הק' בעיר וויליאמסבורג, העומדים לשם ולתפארת עם קרוב לאלף תלמידים ותלמידות המתחנכים בחינוך הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור.

במעמד הדינער שהתקיימה באולם אימפיריעל, נשא דברי פתיחה הרה"ג רבי **שרגא פייש פאפלאנאש** שליט"א. אחר כך השמיע המלמד הדגול הר"ר **שלמה גבריאל פליישמאן** הי"ו זכרונות מימי קדם. דבר המוסדות השמיע הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו, יו"ר המוסדות. פרקי חזנות נשמעו על ידי הר"ר **יחזקאל ברעכער** הי"ו. בפרס כתר שם טוב נתכבד הר"ר **יואל ניימאן** הי"ו לע"נ זקינו הרבני החסיד הר"ר **יונתן בנימין עסטרייכער** ע"ה שנלב"ע בהאי שתא. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן השיחה***

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסן דעם חשוב'ן ציבור וואס איז זיך צוזאמגעקומען מחזק צו זיין די מוסדות דא אין וויליאמסבורג, ווי עס ווערן נתחנך הונדערטער קינדער לתורתו ועבודתו. סיי די תלמוד תורה, און סיי די מיידל שולע, שטייען לשם ולתפארת מיט די פירות וואס זיי געבן ארויס.

**דברי זכרון על הרבני החסיד**
**רבי יונתן בנימין עסטרייכער ז"ל**

איך וויל איבערגעבן א דאנק פאר רבי יואל ניימאן זאל זיין געזונט, וואס האט אנגענומען צו זיין דא היינט א חלק און א שותף אין דעם כתר שם טוב וואס מען האט אים געגעבן, לעילוי נשמת זיין זיידע רבי יונתן עסטרייכער ז"ל. און ער האט מיר געגעבן די געלעגענהייט ווי איך זאל קענען ארויסברענגען מיין הכרת הטוב וואס איך האב צו רבי יונה ז"ל.

**מיין** קשר מיט ר' יונה האט זיך אנגעהויבן מיט אסאך יארן צוריק, ווען איך בין געווען א יונגערמאן, און מיין טאטע ז"ל איז נסתלק געווארן, און איך האב אנגעהויבען צו לערנען מיט בחורים. מען האט געגרינדעט א ישיבה, און עס איז ב"ה אנגעגאנגען א יאר צוויי דריי, ווי מען איז געזעצן און געלערנט, און מען האט זיך זייער געפלאגט, און די חובות זענען געוואקסען. איך בין נישט געווען אויסגעשטעלט צו שאפן געלט, און איך האב נישט געהאט אזוי ווער עס זאל מיר צוהעלפען, און מען האט געדארפט האבען א פרישע בנין ווי מען זאל קענען אריינגיין. און עס איז מיר אויסגעקומען אז איך האב מיך געטראפן מיט ר' יונה ז"ל, און ער האט זיך אנגעטראגען אז ער איז גרייט מיר צו העלפען, און ער וועט צושטעלן די גאנצע בנין וואס עס פעלט אויס. מען האט געמאכט א געוויסע אפמאך, וואס איך וועל געבן און וואס ער וועט געבן, און ער האט געגעבן אסאך און אסאך מער, פון וויפיל מען האט אפגעשמועסט, און ער האט אהערגעשטעלט דעם גאנצן בנין, אז מען זאל קענען זיצן און לערנען. און נאכדעם האט ער צוגעהאלפען ביי אונז אין בית המדרש (סאמבאטהעלי).

**אסאך מאל איז דא, וואס מען העלפט פאר א תלמיד חכם ווען ער איז שוין מפורסם, יעדער ווייסט פון אים, און מען האט דערפון כבוד, אדער א פערזענלכע תענוג אז מען העלפט פאר א אדם גדול. איך בין נאך דעמאלטס געווען א יונגערמאן, און ער האט גארנישט געהאט פון דעם וואס ער האט מיר געהאלפן. - עס איז א געוואלדיגע זכות ווען מען העלפט צו אין אנהייב, אז מען זאל קענען וואקסען, ווייל דעמאלטס האט מען א זכות, אין די תורה און אלע מצות און מעשים טובים, וואס עס ברענגט נאכדעם צו דערצו.**

**ער** האט געהאט אן אויסערגעוועונליכער לב טוב, און ער איז געווען א בעל צדקה מופלג, ער איז געווען פון די ערשטע וואס האבען געוויזען א וועג, אז מען קען אהערשטעלן גאנצע בנינים פאר מוסדות התורה. ער האט זיך געפלאגט דערויף, ער האט נישט גענומען א פענ"י דערפאר. בזיונות האט ער יא געהאט דערפון, אבער כבוד האט ער נישט געהאט. און ער האט אויפגעשטעלט סיי דא אין וויליאמסבורג, און סיי אין מאנרא, און סיי אין ארץ ישראל, וואו עס איז געווען אן ערליכער מקום, האט ער פרובירט אז ער זאל קענען ארויסהעלפן. עס איז אוודאי א געוואלדיגער זכות וואס ער האט געטון. זאל דער אייבערשטער העלפען, אז זיין נשמה זאל האבען אן עליה, און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

**און עס איז נוגע פאר אונז אויך, ווי מען האט פריער געהערט, מען האלט יעצט אינמיטן געוויסע פראיעקטען, ווי מען דארף צושטעלן א מקום. איז עס אין די שול, איז עס אין די מיידל שולע, אין די מתיבתא, איבעראל האלטן מען יעצט אינמיטן אויפבויען. און עס איז א געוואלדיגער זכות, פאר ווער עס נעמט א חלק אין בויען א זאך, און אהערשטעלן א זאך, דאס איז א זכות וואס בלייבט נאכדעם לעולמי עד ולנצח נצחים.**

*

**די** תורה הק' פארציילט די וואך אין די פרשה, אז די ערשטע גזירה אין מצרים איז געווען, אז מען זאל הרג'נען די יודישע יונגלעך, און די מילדות האבען נישט געפאלגט וואס פרעה האט געהייסען, ותחיין את הילדים, זיי האבען מחיה געווען די קינדער. ויהי כי יראו המילדות את האלקים, די מילדות האבען געהאט יראה פארן אייבערשטען, ויעש להם בתים (שמות א-כא), האט זיי דער אייבערשטער באצאלט, אז זיי האבען אויפגעשטעלט שטובער. און רש"י זאגט, אז די צוויי מילדות זענען געווען א מאמע מיט א טאכטער, יוכבד מיט מרים. און פון ביידע זענען ארויסגעקומען שטובער וואס זענען געווען די גרעסטע אין כלל ישראל. פון יוכבד איז ארויסגעקומען בתי כהונה, און בתי לויה, משה מיט אהרן זענען געווען די קינדער פון יוכבד. און פון מרים איז ארויסגעקומען בצלאל (שמו"ר מ-א). די דריי, משה מיט אהרן און בצלאל, און זייערע דורות שפעטער, דאס איז געווען די שכר וואס דער אייבערשטער האט זיי באצאלט.

**און** עס דארף האבען א שטיקל ביאור. ווייל עס איז משמע אז יוכבד מיט מרים האבען ביידע

געטון די זעלבע ארבעט, איינע איז געווען שפרה וואס האט משפר געווען את הולד, און איינע איז געווען פועה, וואס האט גערעדט צום קינד. אוןביידע האבען מיט א מסירת נפש געטון די זעלבע זאך, ותחיין את הילדים, און זיי האבען זיי נישט געהרג'עט. פארוואס קומט זיך פאר יוכבד אז מען האט איר געגעבן אזא גרויסע פרס, משה און אהרן, וואס משה איז געווען דער עמוד התורה, און אהרן איז געווען עמוד העבודה. און פאר מרים האט מען געגעבן בצלאל. כאטש בצלאל איז אויך געווען זייער גרויס, יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנברא בהם שמים וארץ (ברכות נה.), אבער עס קוקט אויס, אז עס איז נישט געווען ממש די זעלבע מדריגה ווי משה מיט אהרן. פארוואס האט מען געגעבן פאר יוכבד, משה מיט אהרן, און פאר מרים האט מען געגעבן בצלאל.

### ישׂשכר וזבולון עומדים שוים בחשיבותם בעיני ה'

**נאר** מיר ווייסען אז עס איז דא צוויי סארט יודען וואס האבען א חלק אין די תורה. עס איז דא תלמידי חכמים וואס איז תורתם אומנתם, זיי זיצן און לערנען, און זיי דינען דעם אייבערשטען, זייער חלק איז אין תורה און אין עבודת ה'. נאכדעם איז דא דער זבולון, וואס טוט צוהעלפען אז מען זאל קענען לערנען. און דער וואס העלפט צו פאר תלמידי חכמים, דער וואס העלפט צו פאר מוסדות התורה, אז עס זאל דארט נתחנך ווערן הונדערטער קינדער, וואס וועלן אויסוואקסען תלמידי חכמים, און ערליכע יודישע מאמעס, האט ער א זכות אין זייער תורה און עבודה, פונקט ווי דער וואס זיצט און לערנט. עס שטייט אין מדרש (ב"ר צט-ט) אז ישׂשכר און זבולון איז א שותפות, און זיי צוטיילען זיך שפעטער מיט די שכר. עס איז דא כת"ר מצות, און עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות (עוקצין ג-יב), יעדער באקומט דריי הונדערט און צען עולמות, האלב פון די כת"ר. ווייל איינער וואס איז מחזיק תורה, האט ער די זעלבע זכות אזוי ווי דער לומד תורה אליין.

**אויפן בילד קוקט אויס, אז דער וואס זיצט און לערנט, דער תלמיד חכם, דער גאון, דער צדיק, דער איז אין גאר א הויכע מדריגה, און דער פשוט'ער יוד וואס ארבעט אינדרויסן אויפן גאס פון צופרי ביז ביינאכט, איז אין ערוך אקעגן דעם וואס זיצט באהלה של תורה. אמת, דאס איז אויף די וועלט, אבער אויף יענע וועלט איז אנדערש. בצל החכמה בצל הכסף** (קהלת ז-יב)**, דארט וועט מען צוזאמשטעלן ביידע, דער ישׂשכר מיטן זבולון וועלן צוזאמען זיצען אין איין היכל. ישׂשכר האט געלערנט, און זבולון האט צוגעהאלפן אז ער זאל קענען לערנען, זענען ביידע אינעם זעלבן קאטעגאריע, און אינעם זעלבן זכות.**

**משה** און אהרן זענען געווען דער ישׂשכר פונעם כלל ישראל. משה איז געווען דער עמוד התורה, און אהרן איז געווען דער עמוד העבודה. אבער בצלאל האט אהער געשטעלט דעם משכן פאר השראת השכינה. ער האט אהערגעשטעלט דעם ארון פאר די תורה. אמת טאקע אז עס איז נישט די זעלבע ארבעט ווי דער תורה אליין, אבער צושטעלן אן ארון פאר די לוחות הברית וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, אז מען זאל זיך קענען האלטן דערמיט, האט געדארפט זיין עפעס א הייליגע כלי וואס זאל עס קענען מחזיק זיין, און בצלאל איז געווען דער וואס האט אהערגעשטעלט א משכן פאר די תורה. און ווען איינער שטעלט צו א משכן פארן אייבערשטען, ער שטעלט צו אן ארון פאר די תורה, איז עס פונקט ווי תורה אליין.

**דער** אייבערשטער האט געוויזען, אז יוכבד און מרים וואס ביידע האבען געטון די זעלבע ארבעט, און פאר ביידע קומט זיך די זעלבע שכר, אז מען זאל זיך אראפלערנען דערפון, אז משה מיט אהרן, וואס מען געבט פאר יוכבד, און בצלאל וואס מען געבט פאר מרים, זענען ביידע אין די זעלבע מדריגה. ווייל דער וואס טוט צוהעלפען, און ער מאכט אן ארון פאר די תורה, ער מאכט א משכן פאר תורה, ער האט די זעלבע חשיבות ווי תורה.

### דעת ההפלאה: שגם המחזיקי תורה זוכים שיהיו שפתותיהם דובבות בקבר

**איך** האב היינט געזען אינעם גליון עלים לתרופה, א שמועס אויף די גמרא (יבמות צז:), אז א תלמיד חכם וואס מען זאגט נאך א דבר שמועה מפיו בעולם הזה, איז אפילו ער לעבט שוין נישט, איז שפתותיו דובבות בקבר, טוען זיינע ליפן ווייטער רעדן. עס איז א גרויסע מדריגה, דובב שפתי ישנים

(שיר ז-י), דער אייבערשטער טוט מחיה זיין דעם צדיק, דורך די תורה וואס ער האט געלערנט. ברענגט ער צו א שאלה, צו דער מחזיק תורה, וואס האט צוגעהאלפן פאר דעם תלמיד חכם אז ער זאל קענען לערנען, האט אויך דעם זכות, אז ביי אים איז אויך שפתותיו דובבות בקבר, צו נישט. ער האט צוגעהאלפן פארן תלמיד חכם אז ער זאל זיצען און לערנען, און מען זאגט יעצט נאך א דבר שמועה פון דעם תלמיד חכם, און די שפתותיו פון דעם תלמיד חכם זענען דובבות, זיי רעדן, צו האט דער מחזיק תורה אויך דעם כח, אז עס איז שפתותיו דובבות בקבר. ער האט נישט געלערנט, און ער האט נישט געזאגט די מימרא, אבער ער האט צוגעהאלפן, אז די מימרא זאל געזאגט ווערן. און מען זאגט דאך אז יששכר און זבולון האבען דעם זעלבן חלק, צו איז ביי אים אויך דא דער ענין.

**און** ער ברענגט צו צוויי דיעות. ער ברענגט צו פונעם **ילקוט אליעזר** (תהלים סא) וואס שרייבט אין נאמען פון **רבי הערש חריף**, אז דאס איז נאר פאר יששכר אליין. ווייל עס שטייט אין פסוק (קהלת ז-יב) בצל החכמה בצל הכסף, ויתרון דעת, החכמה תחיה בעליה. 'בצל החכמה בצל הכסף', דער בעל הכסף, דעם וואס האט מחזיק געווען תורה, וועט זיצען אין איין צל מיטן חכמה. ער וועט האבען דעם זעלבן עולם הבא וואס מען געבט פאר דעם וואס זיצט און לערנט. אבער 'ויתרון דעת', דער וואס זיצט און לערנט, און ער איז דער דעת אליין, ער האט א יתרון מער ווי דער צל הכסף. וואס איז דער יתרון פונעם תלמיד חכם אליין, אז ביי אים איז 'החכמה תחיה בעליה', ביי אים איז שפתותיו דובבות בקבר, זיין חכמה וועט אים מחיה זיין, אבער דער בצל הכסף, וועט נישט האבען דעם יתרון.

**אבער** ער ברענגט צו, אז דער **הפלאה** (בפתחא זעירא על מסכת כתובות אות לט) שרייבט נישט אזוי, און ער זאגט, אז ווען איינער איז מחזיק תורה, האט ער אויך דעם זעלבן זכות, און ער איז גארנישט וויניגער ווי דער יששכר. **ווען א מענטש ארבעט, און ער געבט אוועק זיין געלט פאר תורה, האט ער א חלק לעולם הבא אין די תורה וואס יענער תלמיד חכם האט געלערנט, אין די תורה וואס קומט ארויס פון די תלמוד תורה און די ישיבה ווי ער האט צוגעהאלפן, און ווען מען וועט איבערזאגען א דבר תורה מפיהם, איז אפילו דער זבולון וואס לעבט נישט, אויך דא ביי אים דער ענין פון החכמה תחיה בעליה, אז עס וועט אים מחיה זיין.**

**און** אז עס איז אזוי, וואס איז די פשט אינעם פסוק, ויתרון דעת, החכמה תחיה בעליה. איך מיין אז דער פשט איז, אז נישט נאר אז דער זבולון האט די מדריגה פונעם יששכר, נאר זבולון שטייט אין א העכערע מדריגה פונעם יששכר. מען געפונט אין מדרש (ב"ר צט-ט), אז דער פסוק איז מקדים זבולון פאר יששכר, און דער מדרש זאגט, ווייל אזוי ווי דער יששכר קען נישט לערנען אן דעם זבולון, האט די תורה געגעבן א דין קדימה פאר דעם זבולון, און ער איז אים מכבד פאר דעם יששכר. ווייל ווען נישט דעם זבולון, איז נישט דא דער יששכר.

**עס** שטייט פונעם **חיד"א**, אז נישט נאר אז יששכר און זבולון זענען אייניג, נאר אפילו ווען דער יששכר זיצט און לערנט, אבער ער לערנט נישט אזוי ווי ער וואלט געדארפט צו לערנען, ער לערנט תורה שלא לשמה, מיט פניות, נישט אינגאנצן בלתי לה' לבדו. דער זבולון וואס איז אים מחזיק, האט געוואלט אז ער זאל זיצן און לערנען ערליך, אן קיין שום פניות. זאגט דער **חיד"א**, אז אפילו אויב די תורה פון דעם תלמיד חכם האט נישט קיין חשיבות, נאר ווען עס איז ערליך, אבער דער מחזיק תורה, האט דער זכות, כאילו דער תלמיד חכם האט געלערנט ערליך. ווייל ער האט דאך געגעבן געלט, אז מען זאל לערנען תורה ערליך. שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול (תהלים קיט-קסה), דער לומד תורה קען אמאל האבען א מכשול אין זיין תורה, אבער שלום רב לאוהבי תורתך, די וואס האבען ליב די תורה, ואין למו מכשול, ביי זיי איז נישט דא א מכשול. - קומט אויס, אז אפילו ווען די חשיבות פון לימוד תורה איז נאר ווען עס איז ערליך תורה, אבער ביי דעם מחזיק תורה, האט א חשיבות אפילו תורה וואס איז נישט געלערנט געווארן אינגאנצן ערליך, און ער באקומט דערויף שכר.

**המחזיקי תורה זוכים לשכר גם בתורה שלא לשמה**

**עס** איז ניתן להאמר, אז דאס וואס די גמרא זאגט, אז ווען מען זאגט א שמועה מפיו, איז שפתותיו

דובבות בקבר, דארף צו דעם זיין, אז די תורה זאל זיין אן ערליכע תורה. עס איז נישט מסתבר אז ווען מען רעדט פון אן עולם האמת, אז עס זאל זיין שפתותיו דובבות בקבר, אויף א תורה וואס מען האט נישט געלערנט ערליך. און עס איז מעגליך, אז אפילו ווען דער תלמיד חכם האט יא געלערנט ערליך תורה, אבער דער וואס זאגט נאך די שמועה מפיו, ער לערנט נישט ערליך תורה, האט ער אויך נישט א כח, אז ער זאל קענען צוברענגען, אז עס זאל זיין שפתותיו דובבות בקבר. עס מוז זיין אז דער תלמיד חכם זאל לערנען ערליך, און דער וואס זאגט נאך די תורה זאל לערנען ערליך, דעמאלטס קען מען צוקומען צו די מדריגה פון שפתותיו דובבות בקבר.

**דאס** איז ביי דעם תלמיד חכם אליין. אבער דער מחזיק תורה, דער וואס העלפט צו צו לערנען תורה, וואס ביי אים איז נישט דא קיין חשבונות פון לשמה און שלא לשמה, ווייל ער האט אוועקגעגעבן זיין פארמעגן, אז מען זאל לערנען תורה ערליך, אויפן שענסטן וועג וואס מען קען לערנען. און אז מען זאגט, אז ביי אים איז אויך שפתותיו דובבות בקבר, איז אפילו ווען די תורה איז געווען שלא לשמה, און אפילו דער וואס זאגט נאך די תורה שלא לשמה, אבער ביי דעם מחזיק תורה איז שפתותיו דובבות בקבר. ווייל ער האט געגעבן געלט ערליך, אויף צו לערנען תורה ערליך, און לאוהבי תורתך איז נישט דא קיין מכשול.

**זאגט** דער פסוק, 'בצל החכמה בצל הכסף', אינעם זעלבן צל פונעם חכמה, וועט זיין דער וואס האט געגעבן דאס געלט צו לערנען תורה, אבער דו זאלסט וויסען, אז נישט נאר ער איז אינעם זעלבן צל, נאר 'ויתרון דעת', דער צל הכסף האט א יתרון מער פון דעם וואס זיצט און לערנט תורה, אז ביי אים איז שטענדיג 'החכמה תחיה בעליה', ביי אים איז שטענדיג שפתותיו דובבות בקבר. ביי דעם לומד תורה קען אמאל זיין אז עס איז נישט שפתותיו דובבות בקבר. אבער ביי דעם צל הכסף, וואס זיצט צוזאמען מיט דעם צל החכמה, ער האט א יתרון אין די תורה וואס ער האט מחזיק געווען, אז ביי אים איז שטענדיג החכמה תחיה בעליה.

**און דאס איז די חשיבות פון די וואס טוען מחזיק זיין תורה, דאס וואס מען העלפט ארויס אז מען זאל קענען טון אין תורה, אז זייער זכות ווערט קיינמאל נישט געמינערט. ווי אזוי עס זאל ארויסקומען, צו מען האט יא מצליח געווען מיט די תלמידים, צו מען האט נישט מצליח געווען, ער האט זיין זכות אויף שטענדיג, ווייל ער האט געגעבן ערליך געלט פאר ערליך תורה.**

### חשיבות ושכר מחזיקי תורה, ובפרט בזמנינו

**אויב** דאס איז אזוי אין אלע דורות, וואס עס איז געווען א גרויס חשיבות מחזיק צו זיין תורה און מוסדות התורה, איז אוודאי **ווען מען לעבט אין אזא דור ווי היינט, אזא נידריגע דור ווי די גאסן קוקען היינט אויס, וואס אין לנו שיור רק התורה הזאת, די איינציגסטע זאך וואס האלט אונז, איז נאר די תורה הק'. ווען עס וואלט נישט געווען די תלמוד תורה'ס, ווען עס וואלט נישט געווען די ישיבות, ווען עס וואלט נישט געווען די מיידל שולע, ווי אזוי וואלטן מיר זיך געקענט האלטן אין אזא מצב, ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעקוקט.** דאס וואס מען איז מחזיק תורה, אפילו מען זאל קענען מער ארויפברענגען איין קינד, אז ער זאל קענען שטייגען אין תורה, האט מען אויפגעשטעלט אן עולם מלא. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר איינעם וואס האט די מעגליכקייט צוצוהעלפען אז עס זאל קענען אויפגעשטעלט ווערן נאך א יודישע שטוב פאר תורה.

**און** ווי דער פסוק זאגט, ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים, דער שכר וואס דער אייבערשטער האט זיי באצאלט, איז געווען גוטע קינדער. אז א יוד טוט פארן אייבערשטען'ס וועגן, באצאלט אים דער אייבערשטער אז ער שטעלט אליין אויף שיינע דורות. **דער אייבערשטער באצאלט מדה כנגד מדה, דו האסט געהאלפן אז א יודיש קינד זאל קענען אויסוואקסען א תלמיד חכם, אז עס זאל ווערן אויסגעבויט א יודישע מאמע פארן כלל ישראל, קומט זיך, אז איך זאל דיר באצאלן, אז דיין קינד זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, דיין טאכטער זאל זיין אן ערליכע יודישע מאמע פארן כלל ישראל.** - ויעש להם בתים, אפילו אז מען זאל קענען היינט האבען א נארמאלע שטוב. עס איז נישט דא היינט א נארמאלע שטוב אן תורה. אן תורה האט נישט די שטוב א חשיבות

פון א שטוב, עס האט נישט די אויסקוק פון א שטוב. מען קוקט ווי אזוי די אומות העולם לעבן, גייט אוועק די אפעטיט צו האבען אזא שטוב ווי זיי האבען. ויעש להם בתים, די זכות וואס דער אייבערשטער האט זיי באצאלט איז, אז מען האט גוטע קינדער, און מען קען אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות.

**רש"י** זאגט, אז דער אייבערשטער האט זיי געגעבן, אז זיי האבען אויפגעשטעלט בתי כהונה און בתי לויה און בתי מלכות. איך האב געזען שטיין זייער א שיין ווארט, אז די גמרא (סוטה יא.) זאגט, אז בלעם און איוב און יתרו זענען געווען די יועצים וואס זענען געווען ביי פרעה. און בלעם איז געווען דער וואס האט געגעבן די עצה, אז מען זאל רודפ'ן יודען. די גמרא (ברכות ז.) זאגט, אז בלעם האט געקענט מכוון זיין די רגע, ווען דער באשעפער איז כועס, און דעמאלטס האט ער געוואלט שעלטען יודען. און תוספות שטעלט זיך, וואס קען מען שוין שעלטען אין א רגע. זאגט תוספות, אז ער האט געקענט זאגען איין ווארט, 'כלם', דער אייבערשטער זאל זיי פארלענדן. און אויב ער וואלט דאס מכוון געווען די רגע, וואלט עס תופס געווען.

**'כלם'** איז די אותיות פון כ'הונה ל'ויה מ'לכות. אז זיי זענען געווען די מילדות, וואס האבען זיך אקעגן געשטעלט קעגן די עצה פון בלעם, און זיי האבען נישט געלאזט צוקומען צו דעם וואס בלעם האט יועץ געווען פונעם ווארט 'כלם', האט זיי דער אייבערשטער באצאלט מדה כנגד מדה, אז זיי האבען אויפגעשטעלט שטובער פון כ'הונה ל'ויה און מ'לכות. - אז מען לעבט אין אזא צייט, וואס עס איז ליידער דא א כליון, ווי אזוי די גאסן זעהן אויס. און מען טוט מחיה זיין את הילדים, מספקות להם מים ומזון, מען טוט צוהעלפן אז מען זאל קענען אויסהאלטן מוסדות התורה, באצאלט דער אייבערשטער אז מען שטעלט אויף ערליכע יודישע שטובער.

**ב"ה** מען לייגט אריין אין די תלמוד תורה, און אין די מיידעל שולע, זייער אסאך ארבעט. איך טו פערזענליך באדאנקען פאר רבי שמואל דוד פישער זאל זיין געזונט (מנכ"ל המוסדות), און די חשובע הנהלה וואס העלפט אים צו דערצו, וואס ער לייגט אריין זיין גאנצע קאפ, פיר און צוואנציג שעה, צו טון וואס מען דארף פאר די מוסדות. איך בין זייער אפט מיט ר' שמואל דוד צוזאמען, און מען שמועסט איבער זאכען, און אסאך מאל פילט מען אז מען ברעכט צוזאם, און מען קען נישט ווייטער אנגיין, און מען איז זיך מחזק, און מען טוט זיך שטארקען. אבער ווען מען איז זיך מתבונן די זכותים וואס מען האט, אז מען קען אויפשטעלן און אנהאלטן מוסדות התורה, דאס אליין דארף געבן כח פאר א יוד, אז ער זאל קענען אדורכגיין די אלע שוועריקייטן וואס מען האט. און די אלע וואס טוען צוהעלפן, אז מען זאל עס קענען ווייטער אנהאלטן, האבען א חלק אין דעם.

**זאל** דער אייבערשטער אונז אלע בענטשען, אז מיר זאלן זעהן שמחה און נחת ביי אונזערע קינדער און אייניקלער, אין זכות וואס יודען טוען אזויפיל צדקה וחסד, עס איז נאכנישט געווען אזא דור וואס יודען האבען אוועקגעגעבן אזויפיל געלט פאר צדקה, וויפיל עס איז אין די היינטיגע צייטן, זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן, כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים (שבת קנא:). די זכות פון תורה איז זייער גרויס, 'בצל החכמה בצל הכסף', די אלע וואס טוען יעצט צוהעלפען מיט זייער כסף, וועלן זוכה זיין צו זיצען בצל החכמה, און 'ויתרון דעת', זיי האבען נאך מער פון דעם וואס זיצט און לערנט, אז ביי זיי איז דא 'החכמה תחיה בעליה'. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען הערן גוטע בשורות איינער ביים צווייטען, דער באשעפער זאל מזמין זיין שפע ברכה און הצלחה אין אלעם וואס מען טוט, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.